# פראטאקאל נומער 171

8-2-1940

פעסע ב.סוואלק
הויז-איינגטימערין.
איצט: ווילנע.

---

דעם 4-טן אדער 5-טן אקטאבער 1939 האבן די רוסן פארלאזט סוואלק. פארן פארלאזן די שטאט האבן זיי אויפן מאגיסטראט-פלאץ פייערלעך איבערגע-געבן די שטאט די פארשטייער פון דער דייטשער ארמיי.דערנאך זענען גרעסערע דייטשע ארמיי-אפטיילונגען אריין קיין סוואלק.

די ערשטע צוויי-דריי טאג האבן די דייטשן זיך פארהאלטן רויק און קיי-נעם נישט געטשעפעט, זיי האבן בלויז ארויסגעגעבן פארארדנונגען, אז טרעפנדיק א דייטשן זעלנער אויף דער גאס, דארפן די יידן אראפגיין פון טראטואר און ציען דעם הוט.גלייכצייטיק האבן זיי אויך פארארדנט צו עפענען אלע קראמען.

די איינוווינער האבן גלייך געעפנט די קראמען,די דייטשן זענען דאן איי ארײן אין אלע יידישע געשעפטן,צוגענומען פון דער קאסע דאס בארע געלט,ארויס-געטריבן די איינגנטימער און פארשלאסן די געוועלבער,צונעמענדיק צו זיך די שליסלען.די קריסטלעכע געשעפטן האט מען נישט גערירט.

מיין שוועסטער-קינד געניע ווינער, האט געהאט א גרעסער גאלאנטעריע-געשעפט אויף קאסטשיושקא-גאס 10(איצט-"גענעראל בראנס-שטראסע").איר מאן איז אוועק אין דער פוילישער ארמיי און אומגעקומען ביי ווארשע,און זי איז געבליבן אן אלמנה מיט צוויי קליינע קינדער.די דייטשן זענען,פונקט ווי צו אנדערע,אריין אויך צו איר אין געשעפט,צוגענומען פון דער קאסע איניקע טויזנט זלאטעס,ווי אויך די גאנצע סחורה.מיין קוזינע איז אוועק צום דייטשן הויפטמאן און געבעטן איר כאטש צוריקצוגעבן דאס בארע געלט,ווייל זי איז אן עלנטע אלמנה מיר צוויי יתומים.דער הויפטמאן האט איר געוואלט צוריקצאלן 30 זלאטעס,און ווען זי האט גענומען וויינען,טענהנדיק,אז זי וועט מיט אזא נישטיקער סומע גארנישט קענען אויפטון,האט יענער ציניש געענטפערט:"איר קאנט פאר דעם געלט קויפן א שטריק און זיך אויפהענגען".

איך אלײן האב אין מײן הויז געהאט א געשעפט פון זײטװארג, פרוכטן און װײנען. די ערשטע טעג האבן מיך די דײטשן נישט געשטערט, מײנענדיק, אז דאס איז א קריסטלעך געשעפט. שפעטער אבער זענען זײ ארײן צו מיר אין געשעפט און צוגענומען בײ מיר די גאנצע סחורה. מ׳האט אויך דורכגעפירט רעװיזיעס בײ מיר אין שטוב, זוכנדיק גאלדאון סחורות.

די דײטשן האבן באלד נאך זײער ארײנקומען אין שטאט ארויפגעלײגט אויף די ײדישע אײנװױנער פון הײזער קאנטריבוציעס. פון מיר האט מען געפאדערט 20 טויזנט מארק, אויף װעלכע איך האב געגעבן אקאנטא 800 גילדן.

די ײדן זענען גאנצע טעג געװען פארשלאסן בײ זיך אין די װױנונגען, װײל אויף דער גאס האט מען זײ געכאפט צו די שמוציקסטע ארבעטן. מען האט אויך נישט געשױנט פרויען און קינדער.

די דײטשן האבן אויך גענומען ארײן איבער די רײכע ײדישע הײזער און אויסראבירט אלץ, װאס האט זיך נאר געלאזט. פיל ײדן, נישט קאנענדיק מער אויס האלטן, האבן גענומען לויפן אין די סאװיעטישע געביטן.

אין די ערשטע טעג פון חודש דעצעמבער האבן די דײטשן פלוצים ארויסגעגעבן א פארארדנונג, אז די ײדן זאלן זיך אנגרײטן אויף 3 טאג שפײז. אין שטאט איז געװארן א מהומה. מ׳האט נישט געװוסט, װאס דאס זאל באטײטן. איך בין ארויס אין שטאט, כדי צו מאכן די אײנקויפן, אבער גײענדיק האב איך באמערקט, װי דײטשע פאליצײ פירט ײדן, ײדישע פרויען און קינדער – די מהומה איז געװארן נאך גרעסער. מ׳האט אנגעהויבן צושמועסן, אז מ׳װעט אלע ײדן ארויסטרײבן פון שטאט און זײ אװעקשיקן אין לובלינער רעזערװאט. איך בין קלײן אװעק צו דין אהײם און גענומען זיך און קינדער גרײטן צו דער רײזע. באלד איז צו מיר ארײנגעלאפן א קריסטלעכע שכנטע און מיר געזאגט, אז די דײטשן גײען שוין צו מיר. דורך א הינטערטיר האב איך מיט די קינדער גאך באװיזן צו אנטלויפן פון שטוב און זיך באהאלטן אין קעלער.

נישט אלע האבן אבער געהאט אזא "גליק". הונדערטער ײדן מיט זײערע מאָמיליעס זענען דורך די דײטשן געטריבן געװארן אין שול-הויף. מ׳האט זײ נישט דערלויבט מיטצונעמען קײן באגאזש, שלאגנדיק מיט נאהײקעס די אלטע און שװאכע, אויב זײ האבן נישט געקאנט אזוי שנעל גײן.

איך מיט די קינדער בין געלעגן אין קעלער ביז 3 בײנאכט. דאן האט א

באקאנטער קריסט מיך ארויסגעפירט. אין מיין וווינונג בין איך שוין ניט אריין, די דייטשן האבן אין דער צווישנצייט זי געהאט פולשטענדיק אויסראבירט און נא נאכער פארחתמעטעוי טירן.

דורך הינטערוועגן האב [בין] איך צוזאמען מיט די קינדער געלאפן און אויך ועג געטראפן פיל באקאנטע, וואס עס האט זיך זיי אויך איינגעגעבן אויסצובאהאלטן זיך פון די דייטשן. מיר זענען אנגעקומען אין א דארף 4 קילאמעטער הינטער סוואלק און דארט זענען מיך געווען באהאלטן 2 טעג.

אין דעם דארף האבן מיר שפעטער באקומען א פור און צוגעפארן צו דער ליטווישער גרענעץ אין דארף מידאני. מיר זענען געפארן 2 טעג, ווייל פארן האט מען געקאנט נאר ביינאכט, בייטאג האבן די דייטשע פאטרולן פארהאלטן און צוריקגעשיקט קיין סוואלק.

סך-הכל זענען מיר געווען ביי דער ליטווישער גרענעץ אן ערך 50 פערזאן. די איבעריקע סוואלקער יידן - אן ערך פון 3 טויזנט פערזאן, זענען ארויסגעפירט געווארן דורך די דייטשן און אפגעשיקט אין לובלינער קאנט. 10 פערזאן האבן אין לעצטן טאג זיך געראטעוועט, לויפנדיק צו דער סאוויעטישער גרענעץ, פון זיי-א פרוי דינה מאריאמפאלסקי און קאלטשינסקי-אן עקספעדיטאר-זענען טראגיש אומגעקומען. דאס שיפל מיט וועלכן זיי האבן געוואלט אריבער דעם טייך ווארשא, האט זיך איבערגעדרייט און זיי זענען דערטרונקען געווארן.

מיר ווידער, וואס זענען געקומען צו דער ליטווישער גרענעץ, האבן זיך דריי וואכן געוואלגערט אין "קיינעמס לאנד", ביי שרעקלעכע באדינגונגען. קאטלינסקא, אן עלטערע פרוי, איז דארט קראנק געווארן און געשטארבן. מ'האט זי אויך קובר געווען אין "קיינעמס לאנד". בלומבערג, איינגעטימער פון א גרויס גלאז-געשעפט, איז באגאנגען זעלבסטמארד, און זיין פרוי איז פון צרות משוגע געווארן. אויך דער דענטיסט שטערן פון סוואלק איז משוגע געווארן.

ביי דער ליטווישער גרענעץ האבן די דייטשן ארעסטירט מיך מיט מיין טאכטער און צוגענומען ביי מיר דאס גאנצע געלט, וואס איך האב געהאט, און נאכער אונדז אוועקגעשיקט צוריק קיין סוואלק.

ווען כ'בין געקומען קיין סוואלק, האבן די דייטשן מיך געוואלט אפשיקן קיין לובלין, אבער נאך פיל התחנונים און בקשות האבן די דייטשן מיך און מיין טאכטער צוריקגעפירט צו דער ליטווישער גרענעץ, און דאס מאל האט זיך מיר איינגעגעבן אנצוקומען קיין ליטע.

זייענדיק צום צווייטן מאל אין סווואלק, האב איך זיך דערוווסט, אז אין שול זיצן נאך ארעסטירט 60 יידן, וואס דארפן אפגעשיקט ווערן קיין לובלין. די יידן זענען דארט ממש אויסגעגאנגען פון הונגער. דערביי האבן די יידן פון קאלווארי (ליטע) זייער פיל געטון. זיי האבן געשיקט ספעציעלע שליחים קיין סווואלק, און די לעצטע האבן איינציקווייז ארויסגעראטעוועט די יידן און זיי איבערגעפירט קיין ליטע. בכלל האבן די יידן אין קאלוואריע זייער פיל געטון פאר די יידישע פליטים פון סווואלק.

אונטערגעשריבן: פ. ר.